# טריבונע פאַרן פאָלק

## וועגן דער מודעה פון הרב קליין

אַלס שטענדיקער לייענער פון "אַלגעמיינעם זשורנאַל" האָב איך געזען די מודעה פון ידידי הנגיד המפורסם זוכה ומזכה את הרבים הרב ר' נפתלי קליין שליט"א, וואו עס ווערט געזוכט אַ שרייבער מחבר צו זיין אַ ספר קעגן "עמק הבכה".

עס איז איבריק צו זאָגן, אַז $180.000 איז ווייט נישט איבערגעצאָלט פאַר אַזאַ אונטער־נעמונג. עס איז נישט אַזאַ פשוטע זאַך אָפּצושלאָגן אַ ספר, וואו יעדעס וואָרט איז געשריבן מיט פעסטע יסודות און טיפזיניקער חכמה מיט אַ געוואַלדיקער קלאָרקייט און ערלעכקייט. עס שפּרודלט מיט תורה, חכמה און יראת שמים. פונדעסטוועגן, אַזוי ווי איך בין געענגט אין געלט, דער פסוק שרייט דאָך "הכסף יענה את הכל". און די גמרא זאָגט "כסף וזהב מטהר ממזרים" (סוף קידושין), על אחת כמה וכמה אַז עס קען מטהר זיין חלב מיט 150 טעמים, בפרט שפּיר איך אַ פליכט זיך אָנצונעמען פאַר אַלע פליישׂ־עסערס, וועלכע שפּירן זיך ווי נרדפים, ובתוכם אני הקטן.

די הויפּט־שוועריקייט איז ווייל אַלץ וואָס שטייט אין ספר, סיי אין הלכה סיי אין מציאות, איז אמת וצדק. אַזוי ווי איך בין אַליין איבערציינגט בלעטערנדיק אין די ספרי הניקור און אויסהערנדיק די "טעיפס", וואו די רבנים המכשי־רים זיינען אַליין מעיד, אַז חלב אחורים קומט אַריין אין די געשעפטן וואו דער מנקר קען קוים ניקור חלק הפנים.

דערפאַר איז טאַקע נישט אַזוי גרינג צו טרעפן אַ שרייבער, וועלכער זאָל זיין גענוג טאַלאַנט־פול אויסצופילן אַ ספר, וואָס זאָל איבערפלעכלעך מאַכן דעם איינדרוק, כאילו ער פרעגט אָפּ אַלץ וואָס שטייט אינ'ם ספר עמק הבכה, אין דער צייט וואָס עס איז הויל און פוסט, אומבאַגרינדעט, פול מיט זיופים, סילופים און שקרים.

פון המון עם דאַרף מען נישט מורא האָבן. פאַר זיי איז גענוג אַז מען ווייזט זיי די טאָוולען, זאָגנדיק, אַט דער ספר איז מתיר די פלייש, און מען לויפט שוין און מען קויפט פלייש. מען נעמט זיך אַפילו נישט די מי צו עפענען און זען וואָס דאָרטן שטייט.

מיט די בני תורה קען איך זיך ספּראַווען, ווייל ווען מען קוקט אויבערפלעכלעך, אָן קאָנטראָלירן די מראה־מקומות אָדער נאָכפאָר־שען צי עס שטייט טאַקע אין דעם ספר עמק הבכה אַזוי ווי איך שרייב אין זיין נאָמען, קען איך זיי איינרעדן וואָס איך וויל, ווייל איך בין אַ זעלטענער קינסטלער נאָכצושרייבן פון יענעם ספר און אַזוי אויסשטעלן לויט מיין געשמאַק, דאָס מיינט מען, מען שניידט־צו אַביסל — מען לייגט־צו אַביסל — מען שניידט דאָס צו פון אַלע זייטן, ביז עס ווערט אַ כלי שלימה. דאָס האָב איך געלערנט ביי מיין רבי'ן (אין שריפטשטעלן) דאָס איז דער גאון המפורסם מ.ק., וואָס האָט מחבר געווען אַ גאַנץ ספר קעגן ויואל משה, וואָס איך בין דאַן געווען זייער בייהילפיק און אינסטרומענטאַל צוצוהעלפן צו פאַרקריפּלען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אויך דער ספר פ"ע איז מיין מייסטערווערק.

פון איין זאַך האָב איך שטאַרק מורא, טאָמער וועלן זיך נעמען אַ גרופּע יונגעלייט נאָכצוקאָנטראָ־לירן יעדע שורה פונ'ם ספר. דעמאָלט איז ביטער ווי גאַל, אָבער מען דאַרף פון דעם אויך נישט מורא האָבן, ווייל די וועלט איז שוין היינט אַזוי אויסגעשטעלט אַז קיינער קוקט נישט, קיינער טראַכט נישט, און יעדעס געדרוקטע וואָרט גלויבט מען.

פונדעסטוועגן, אַזוי ווי איך שטעל זיך איין, איז דאָס מזייף זיין אויך נישט קיין גרינגע אַרבעט. דעריבער פאַרלאַנג איך כאָטש $250.000. איר קענט דאָס אויסצאָלן $180.000 אויפ'ן פלאַץ, און אַ חודש שפּעטער נאָך $35.000, און דערנאָך, דעם קומענדיקן חודש נאָך $35.000.

איך בין זיכער איר וועט נישט האָבן קיין שוועריקייטן צו פאַרקויפן דעם ספר. עס וועט זיין אַ בעסט־סעלער, ווייל די אַלע וועלכע זיינען אויסגעהונגערט נאָך אַ שטיקל פלייש, וועלן זיך דאַרפן צו דעם ספר צוכאַפּן ווי צו אַ שטיק געבראָטענער קאַטשקע.

שטעלט אייך פאָר וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסערער עולם הזה ווי אַ ספר וואָס איז מתיר אַלע תענוגי עולם הזה, סאַלאַמי, וואורשטן, באַלאָני, פרענקפורטערס ועוד.

בטוח אני אין זכות פון הכנסת כלה פון עטלעכע קינדער, מיט וועלכע איך בין עוסק איצט, וואָס ציט אַריין אין די שווערע אלפים, וואָס דאָס האָט מיך אויך באַוואויגן צו שרייבן דעם בריוו, וועט ביישטיין אַז אַלץ זאָל דורכגיין על צד היותר טוב.

**הרב חיים יודל גרויס**
מאָנראָ, ניו יאָרק